# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:27
מוצאי שב"ק....................9:00

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................ישעי' ס'-ס"א
בבלי...........................מכות י"ח
ירושלמי.....................יבמות כ"ד
תוספתא.....................קידושין א'
רמב"ם.....................נזקי ממון י"א

פרשת שמיני, מברכים חודש אייר, אבות פרק א', שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 30 (698)


## אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְלוֹס פֶעדֶערְן" וָואס מִיט דֶעם שְׁווימְט עֶר, און אוֹיךְ "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב", פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן ווִי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, און זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ און מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, און אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קל"ט, ח') "**אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְלִיעֶט אִין הִימְל, עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער און גְרֶעסֶער, עֶר דַארְף אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער און נָאךְ בֶּעסֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען "**וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ**", אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס און זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען אִיז שׁוֹין צוּרִיק בַּיי אִים.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז דָא; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִישׁ, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) "**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", און דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְי' נה, א) "**הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם**", און אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "**שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'**", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז ווִי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווימֶען אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה.

דֶער אִיד דַארְף אָבֶּער הָאבְּן "סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת", פוּן אֵיין זַייט "סְנַפִּיר - פְלוֹס פֶעדֶערְן" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", דָאס מֵיינְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה נ"א:), אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דִי פִישׁ הָאט "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְלוֹס פֶעדֶערְן", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, און אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ שְׁווימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" און זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמִינִי תשס"ט)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְפִירַת הָעוֹמֶר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין און פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, און אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן און דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק און וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואויל און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע און עֶר צוּבְרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ און עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, און דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים און

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ און מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", מֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ; בִּפְרַט וֶוען מֶען הַאלְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִינוֶועסְטִירְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער עֲלִיּוֹת און יְרִידוֹת, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק און נָאר עוֹסֵק זַיין אִין שִׂמְחָה.

זֶע אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צִמְצוּם, זֶע עֶס זָאל זַיין אַ בְּרֵייטְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶעבְּנְ'ס זַאכְן; בְּרוֹיט, מִילְךְ וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קַארְגְן, זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ עֶסְן און טְרִינְקֶען פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער.

אוֹיךְ אַלֶעס וָואס דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ גְלַייךְ מַאכְן, אַז זִי בֶּעט דִיר זָאלְסְט אִיבֶּערְטוּישְׁן דִי לֶעקְטֶער, עֶס אִיז אִיר טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן מָארְגְן מַארְגְן, און אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶס צִיעֶן וָואכְן וְכוּ'. דֶער מַאן אִיז רוֹב טָאג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ קֶען עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג, אָבֶּער פַאר דִי פְרוֹי וָואס אִיז אִין שְׁטוּבּ און פָארֶעט זִיךְ מִיט דִי ווִירְטְשַׁאפְט - אִיז דָאס זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ה)



דער מולד וועט זיין: זונטאג ביינאכט 30 מינוט און 2 חלקים נאך 8 | ראש חודש אייר יהיה ביום השני ולמחרתו ביום השלישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁלִיסְל חַלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי ב', כ"ג נִיסָן,
אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַזַא שֵׁיינֶער יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה, "מֵיכְלָא דְאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה, אוּן וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלּוֹת, צוּ וַוייזְן אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דִי גֶעלְט, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט טוּן פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן; דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען ווִיל פַּרְנָסָה - דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דֶעם תְּהִלִּים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן גָארְנִישְׁט - דֶעמָאלְט נֶעמֶען זֵיי דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ זָאג 'מֶען דַארְף צוּם עֶרְשְׁט נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְדֶעם טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן'".

בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייז זֵיי דֶעם שְׁלִיסְל אוּן זָאג זֵיי: "עֶס אִיז אַ שָׁאד נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען דַארְף לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט מֶען אַלֶעס", דִי דִיבּוּרִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן, נִישְׁט נָאר זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב פוּן חְמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַלֶע רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, מֶען זָאגְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט', 'אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה' - נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אַלֶעס פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען דָאס אַלֶעס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, אִיךְ זָאג, מֶען דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען אִין אָנְהוֹיב; אֵיידֶער מֶען טוּט, אֵיידֶער מֶען מַאכְט, זָאל מֶען ווִיסְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס'".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר חַזְרְ'ט אֱמוּנָה אוּן רֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - וֶועט עֶר זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת, רַב בְּרָכוֹת".

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם דָא מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי אַחְדוּת אוּן דִי תְּמִימוּת אִיז אֵין לְשַׁעַר.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-ב תשפ"ג)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**נח. עַל יְדֵי תִּקּוּן חֲצוֹת מַזְכִּירִין אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הַטּוֹבוֹת שֶׁהִבְטִיחַ לְיִשְׂרָאֵל. דוּרְכְ'ן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ טוּן פַאר דִי אִידְן.**

**נט. מִי שֶׁמְּלַמֵּד זְכוּת עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי זֶה מְעוֹרֵר תְּשׁוּעָה, וְהַתְּשׁוּעָה בָּאָה עַל יָדוֹ. וֶוער עֶס אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן, וֶועקְט עֶר אוֹיף דִי יְשׁוּעוֹת, אוּן עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה דוּרְךְ אִים.**

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

שְׁוֶועריִקַייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִיפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

### אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ ווִיכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי ווִי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן ווִי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיב וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

### יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהן ווִי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס ווִי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיב עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פוּנְקְט ווִי זַיין חָבֵר. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶעהן ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע סַאךְ גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט ווִיפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס ווִי אַ שׁוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תָּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן פָאָרְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אָבֶער דֶער וֶועג שְׁלֶעפְּט זִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער.**

וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאָרְן, אִיז אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר פַארְשְׁלֶעפְּט, דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דִי נַאכְט הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפַאלְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי צְוֵויי פֶערְד גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דֶעם גְרוֹיסְן וָואגְן זֵייעֶר צוּשְׁטַייטְלִיךְ.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט נֶעכְטִיגְן אִין אַ דָארְף נָאנְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ פַּרְסָאוֹת נֶעבְּן מָאהְלוּב, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב בְּעֶרֶךְ אַכְט פַּרְסָאוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער. אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן.

בִּיז מֶען הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶענוּמֶען צַייט, אוּן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאָרְן וַוייטֶער, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל מַארוּכַאבֶע, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ צְוֶועלְף מִיטָאג, אוּן פוּן דָארְט בִּיז נֶעמִירוֹב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גֶעוֶוען פִינְף פַּרְסָאוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג קֵיין מַארוּכַאבֶע אִיז רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז קוֹים מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת אֲפִילוּ נָאר קֵיין נֶעמִירוֹב, אוּן זִיכֶער וֶועט נִישְׁט זַיין צַייט נָאךְ צוּ נֶעמֶען אַ וָואגְן קֵיין בְּרֶסְלֶב פַאר שַׁבָּת, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען נָאךְ שַׁבָּת קֵיין בְּרֶסְלֶב, וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קֵיין וָואגְן פוּן דָארְט קֵיין זַאסְלַאב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּרֶסְלֶב וֶועלְן שׁוֹין הָאבְּן גֶעפָארְן פְרִיעֶר.

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען יֶעצְט טוּן, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וֶועט זַיין צוּ דִינְגֶען דָארְט פֶערְד אוּן פָארְן פוּן דָארְט גְלַייךְ קֵיין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט דָאס צוּ צָאלְן, אוּן אוֹיךְ אִיז דִי שְׁטָאט מַארוּכַאבֶע גֶעוֶוען אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעפוּנֶען זִיךְ נִישְׁט דָארְט אַזֶעלְכֶע סָארְט פֶערְד וָואס קֶענֶען גֵיין אַזוֹי שְׁנֶעל.

דֶערִיבֶּער, גְלַייךְ בַּיים אַרַיינְפָארְן קֵיין מַארוּכַאבֶע, וִוי נָאר דֶער וָואגְן אִיז אַרוֹיפְגֶעפָארְן אוֹיפְ'ן בְּרִיקְל אַרַיין צוּם שְׁטָאט, הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, שְׁטֶעל מִיר צוּ דָא אַ וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד, וָואס זָאל פָארְן גְלַייךְ קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן זָאל מִיךְ מִיטְנֶעמֶען פַאר אוּמְזִיסְט". אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן בֶּעט דָאס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בֵּיי אַן אַכְסַנְיָא, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעדַארְפְט אוֹיפְהַאלְטְן דָארְט צוּ גֶעבְּן שְׁטְרוֹי פַאר דִי פֶערְד, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ גֶעוָואלְט זֶעצְן עֶסְן, אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט צוּ מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא אִיז דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַרַיינְגֶעלָאפְן אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ, "רֶבִּי נָתָן, אֵייעֶר תְּפִלָּה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אִין דִי מִינוּט אִיז דָא אָנְגֶעקוּמֶען אַ וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד וָואס פָארְט קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער סוֹחֵר וָואס פָארְט דֶערְמִיט וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין אַייךְ מִיטְצוּנֶעמֶען אוּמְזִיסְט", וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מִיט דֶעם סוֹחֵר.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַן הַמּוֹצִיא אוּן גֶעגֶעסְן עֶפֶּעס, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס צוּ דֶעם וָואגְן וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן, דֶער סוֹחֵר הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּכָבוֹד גָדוֹל, רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען עֶנְדִיגְן עֶסְן אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן צוּ פָארְן מִיט אִים גְלַייךְ קֵיין בְּרֶסְלֶב.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גְרוֹיס טָאג,

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי הֶער אִיךְ אוֹיף קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ דִיבּוּק, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ אַ שִׁיגָעוֹן צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, וָואס טוּ אִיךְ? רַאטֶעוֶועט מִיךְ!

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמב), **עֶס אִיז דָא 'אָרִיךְ אַנְפִּין פוּן דִי קְדוּשָׁה' אוּן עֶס אִיז דָא 'אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה'; אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה אִיז, וואוּ מֶען קוּקְט נָאר זֶעט מֶען אֱלוֹקוּת, מֶען זוּכְט אוֹיף אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, סֵיי דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן פוּנְקְט פַארְקֶערְט אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן אָרִיךְ אַנְפִּין, וואוּ מֶען קוּקְט - זֶעט מֶען נָאר פְּרוּצוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען זוּכְט וואוּ צוּ זֶען נָאךְ אַ קְלִיפָּה, נָאךְ אַ טוּמְאָה, "וּמִי שֶׁפּוֹגֵעַ בְּאִשָּׁה מִבְּחִינָה זוּ, קָשֶׁה לוֹ לְהִנָּצֵל מֵהִרְהוּר", אוּן דֶער וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן, "וְאַף אִם יַעֲצִים עֵינָיו", אוּן אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, "אַף עַל פִּי כֵן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", וֶועט עֶר נָאכְאַלְץ זֶען דִי קְלִיפּוֹת, עַיֵּין שָׁם.**

דִי עֵצָה אִיז צוּ זוּכְן אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה, זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן בִּפְרַט וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, זָאל מֶען בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע צַייט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אָנָּא אֶמְצָאֶךָ, וואוּ קֶען אִיךְ דִיךְ גֶעפִינֶען"**, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע קוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן דִי צַייט, סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי מִינוּטְקֶעלֶעךְ דָא אוּן דָארְט וָואס וֶוערְן גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְוַואסֶערְט בֵּיי מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר גֶעהִיטְן אוֹיף יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ סָעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאךְ אַ סָעִיף, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פּוֹסְקִים.

עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי זַאךְ פוּן אוֹיסְנוּצְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט, עֶר הָאט מַמָּשׁ אוֹיסְגֶענוּצְט יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פַאר גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער צוּ לֶערְנֶען, אָדֶער צוּ דַאוֶונֶען, אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן עֲבוֹדַת ה', פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען, ווָאוֹיל אִיז אִים.

מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער הֵיילִיגֶער שַׁ"ךְ הָאט גֶעהַאט אַן "הַשְׁבָּעַת קוּלְמוּס", בַּאשְׁווֶאוּירְן דֶעם פֶעדֶער מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין אַ יוּנְגְן עֶלְטֶער, אוּן דָאךְ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹי סַאךְ סְפָרִים מִיט אַ גְרוֹיסֶע אֲרִיכוּת; הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאמֶערְקְט אוֹיף דֶעם, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הַשְׁבָּעַת קוּלְמוּס, אוּן אַז אִיר וֶועט מִיר פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹי סַאךְ, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהִיטְן דִי צַייט". (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָנִים נ"ה-נ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אָבֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט מְסַדֵר גֶעוֶועןְ מִיט וֶועגֶענֶער צוּ פָּארְן אוּם זוּנְטָאג קֵיין זַאסְלַאב, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין פְּלַאץ פַּאר רֶבִּי נָתָן. מֶען הָאט אָבֶער גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּ אַ דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן דָארְף צוּ דִינְגֶען נָאךְ אַ וָואגְן פַּאר רֶבִּי נָתָן אוּן פַאר נָאךְ אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מִיטְפָּארְן אוֹיף דִי נְסִיעָה.

**תרעז**

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ט אִיָיר, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוֵויילְט אוֹיף שַׁבָּת אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָארְט גֶעדַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן מֶען הָאט אַ גַאנְץ שַׁבָּת גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תרעח**

זוּנְטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, זֶענֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אֵיין וָואגְן אוּן נָאךְ אַ וָואגְן, אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב.

**תרעט**

מִיטְוָואךְ, ד' סִיוָן, זֶענֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּרֶסְלֶב אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען שָׁלוֹם בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט דֶעמָאלְט, "מַיין גַאנְצֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ אִיז דָאךְ נָאר וֶוען אִיךְ זֶע עֶפֶּעס אִידִישְׁקֵייט אוּן עֲבוֹדַת ה' אִין אֵיינֶע פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן. אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַפְקִיד גֶעוֶוען מִיר, מַיין וַוייבּ, אוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַלֶעס נָאר אַז אִיר זָאלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואלְט אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַ גוּטֶער אִיד וִוי דִי אַנְדֶערֶע גוּטֶע אִידְן, וָואס דִי חֲסִידִים קוּמֶען צוּ זֵיי אוּן וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אָבֶער דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶעם אַז אִיךְ זָאל אַייךְ מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן. וֶוען אִיךְ זֶע עֶפֶּעס אַן עֲבוֹדַת ה' בַּיים אָרֶעמְסְטְן אָרֶעמַאן, וָואס גֵייט מִיט אַ צֶערִיסֶענֶעם הִיטְל, מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער אוּן צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ, אוּן דָאס טֵייעֶרֶער פַאר מִיר מֶער פוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, זַייטְס עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל נָאר דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע וִוילְן, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן!"

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# עטליכע סיומי הש"ס דעם חול המועד אין שטעטל

גאר א שיינער יום טוב האבן אנשי שלומינו מיטגעהאלטן אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, די תפילות און די שיעורים זענען געווען גאר ווארעם, דערהויבן, און געשמאק, וואס האט איבערגעלאזט א גוטן טעם וואס וועט בלייבן אין די ביינער פאר א לאנגע צייט.

עס זענען נישט געווען קיין פילע געסט אום יום טוב, יעדער בלייבט פסח ביי זיך אינדערהיים צו פירן דעם יום טוב אינאיינעם מיט זיין פאמיליע, אבער אין די חול המועד טעג זענען יא געקומען צו פארן פילע אנשי שלומינו פון אנדערע געגנטער, צו זען און טרעפן דעם ראש ישיבה שליט"א און מיטהאלטן א שיעור התחזקות לכבוד יום טוב.

ביי די דריי שיעורי התחזקות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן אין דריי טעג פון חול המועד, איז יעדע נאכט פארגעקומען א פרישע סיום הש"ס, דאס האט אויפגעפרישט אנשי שלומינו זיך צו נעמען פון פריש צו די הייליגע גמרא, צו די הייליגע תורה, זיך מחדש זיין מיט די שיעורים כסדרן צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, וואס נאר אזוי קען מען זיין אן ערליכער איד.

אנגעהויבן האט זיך עס שוין באמת פון פאר יום טוב, ווען דער חשובער בחור חיים שלמה קויפמאן נ"י האט זוכה געווען מסיים צו זיין די צווייטע מאל ש"ס, און עס איז פארגעקומען א הערליכער סיום. דעם ערשטן טאג חול המועד האט מסיים געווען ש"ס דער חשובער בחור יוסי בריסק נ"י, דער צווייטער טאג איז געווען דער סיום הש"ס פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי שליט"א, וואס האט זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס צום דרייצטן מאל, און דער דריטע טאג חול המועד האט מסיים געווען ש"ס א חשובער אינגל ארי' לייב פליישמאן נ"י, א זון פון מו"ה עזרא משה פליישמאן שליט"א, א חשובער מלמד אין די שטעטל חדר, וואס ער האט מסיים געווען ש"ס אינעם טאג פון זיין צוועלפטע געבורטס טאג.

אין א בריוו צו איינעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן די וואך, "אנשי שלומינו האבן זייער הנאה געהאט חול המועד ביי די סיום הש"ס, עס האט יעדן איינעם געגעבן א קיצל זיך אויפצואוועקן און זיך אויפפרישן צו אנהויבן לערנען די הייליגע תורה על פי סדר דרך הלימוד וואס מיר האבן מקבל געווען פון הייליגן רבי'ן (המבואר בשיחות הר"ן, סימן עו), אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): "אמר רבא, לעולם ליגריס איניש, ואף על גב דמשכח, ואף על גב דלא ידע מאי קאמר, שנאמר (תהלים קיט, כ): 'גרסה נפשי לתאבה'", א מענטש זאל לערנען די הייליגע תורה אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט, און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט. נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שבת סג.): "ליגמר איניש, והדר ליסבור", קודם דארף מען אסאך זאגן די ווערטער און נאכדעם קומט מען צו פארשטיין".

ביי יעדן סיום האט דער ראש ישיבה שליט"א גאר שטארק ארומגערעדט פון יעדן סיום באזונדער, עס לוינט זיך אויסצוהערן די אלע הערליכע שיעורים אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין.

אין א טעגליכע בריוו פאר אלע אנשי שלומינו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן דעם דינסטאג, "דעם פסח בין איך געווען אין שטעטל מיט אנשי שלומינו; וואס זאל איך דיר זאגן, איך בין אזוי איבערגענומען פון די שיינע שטעטל, א פלאץ פון שמחה, א פלאץ פון יראת שמים, א פלאץ פון ליבשאפט; איך בין זייער פרייליך.

יום טוב איז געווען זייער שיין. חול המועד האבן מיר געהאט יעדן טאג א סיום הש"ס; איין טאג פון א בחור, איין טאג פון א קינד און איין טאג פון א איד וואס האט שוין חתונה געמאכט די קינדער, עס איז געווען זייער פרייליך".

ווייטער אינעם בריוו איז דער ראש ישיבה שליט"א מחזק איבער שלום און אחדות, ספעציעל יעצט אין די ספירה טעג, "איך וויל דיר זייער בעטן, יעצט אין ספירה טעג זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן זאלסט קענען ארויסגיין פון דיין וועג פאר א צווייטן איד, און אפילו דער איד איז נישט דיין סארט, און אפילו דו האסט חשבונות וכו' - זאלסטו א טובה טון פאר א צווייטן איד, און די גרעסטע טובה איז געבן א גוט ווארט; "א גוט מארגן", "א גוטן טאג", "א גוטע נאכט", א פרעג "וואס מאכסטו?" א פרעג "וואס קען איך טון פאר דיר?"

מוהרנ"ת פלעגט זאגן: "וואלטן אנשי שלומינו זיך געהאלטן מיט ליבשאפט וואלט דער רבי זיי געברענגט צו די העכסטע דרגות", און דערפאר פארלייגט זיך דער סמ"ך מ"ם צו מאכן חלישות הדעת מיט אלע סארט תירוצים פאוואס מען זאל זיך נישט פארשטיין, זיך נישט גריסן, שמועסן וכו' וכו'."

דערנאך דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א אינעם בריוו איבער די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, "איך האב דיר נאכנישט פארציילט פון די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, מיר האבן געקענט באצאלן אלע איינגעשטעלטע, מיר זענען נישט געבליבן שולדיג קיין איין פרוטה; דאס איז א נס למעלה מדרך הטבע, דאס איז א מעשה פון תפילות און א מעשה פון די איבערגעגעבנקייט פון אנשי שלומינו וואס האבן געגעבן צדקה מער פון זייער מעגליכקייט".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מיטנעמען דעם יום טוב פאר די גאנצע יאר.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א קרית ברסלב

מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

החתן **ישעי'** הי"ו

עב"ג בת

מו"ה **אהרן וועבערמאן** שליט"א קרית ברסלב

גבאי מוסדות היכל הקודש ברסלב בארץ הקודש

## מעשה'לעך

**הערליכע מעשה'לעך, דערציילט פאר קינדערלעך, דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, פול מיט אמונה און יראת שמים**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 5, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >